בעזהשי"ת

# די וועג פון אמונה

געקליבענע פערל ווערטער פונעם
וועכנטליכן קונטרס דרך אמונה
פון די שמועסן פון
הרה"צ רבי
**מאיר איתמר רוזנבוים**
שליט"א

## בראשית

תשפ"ז

## לשמיעת השיעורים בכל שבוע
## על הטלפון נא להתקשר
# למערכת 'דרך אמונה'

**בארה"ב 718.298.3717** ולהקיש 1

**בארץ ישראל** (מספר טעל.חדש) **079.704.0017** ולהקיש 1

**בענגלאנד** (מספר טעל.חדש) **03.33015.0717** ולהקיש 1

## מכון 'דרך אמונה'

הרוצה לקבל את הגליון בכל שבוע באימייל
נא לשלוח אימייל לאדרעסס 3875060@gmail.com
ולכתוב שם המבקש ואימייל אדרעסס שלו .ואי"ה נוסיפו לרשימת המקבלים

להארות והערות יכולים להתקשר לאחד ממספרי הטעלפון של מערכת דרך אמונה הנ"ל
ולהשאיר הודעה על מספר 9 ובלי"נ נתקשר בחזרה אי"ה

# בראשית

אלעס ווענדט זיך אינעם אנהייב פונעם טאג ❁ דרש'ענען נאר אזוי ווי חז"ל האבן גע'דרש'נט ❁ די גאנצע תורה איז מרומז אין דעם ווארט בראשית ❁ עצבות איז גורם צו אלע עבירות ❁ דער עיקר ברכה איז די אמונה אינעם בורא עולם ❁ א שברון לב צוליב דער ארציות ❁ דער שורש פון אלע צרות ❁ א מענטש דארף זיך אליין פרעגן: 'וואו ביסטו' ❁ שבת איז מכפר אלע עבירות ❁ שבת נאך יום טוב...

## בְּרֵאשִׁית בָּרָא וגו' אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ (א, א).

### אלעס ווענדט זיך אינעם אנהייב פונעם טאג

הרה"ק ר' העניך מאלכסנדר זי"ע ערקלערט אין ספר חשבה לטובה, אז אין דעם פסוק ליגט דער סוד פון א מענטש'ס אויפפירונג דורכאויס דעם טאג - אז אלעס גייט לויט'ן אנהייב. לויט וויאזוי דער מענטש האט זיך אויפגעפירט אנהייב טאג, אזוי וועט זיך דער גאנצער טאג ווייטער פירן. אויב ווען א מענטש שטייט אויף אינדערפרי איז ער זיך גלייך מתבונן אין די נפלאות הבריאה אז דער אויבערשטער האט באשאפן א ריזיגע וועלט מיט מיליאנען באשעפענישן, און ער האט אים נארוואס צוריקגעגעבן זיין נשמה, דעמאלט קומט ער צו א הכרה אז מען דארף זיך מתדבק זיין אין אים און זיך דערווייטערן פון אלע גשמיות'דיגע ענינים וואס זענען נישט מער ווי הבלי הבלים און האבן אין זיך קיין שום ממשות נישט.

און דאס איז מרומז אין דעם לשון הפסוק: 'בראשית' - אינעם אנהייב פון דעם טאג, אויב א מענטש טראכט אז 'ברא אלקים את השמים ואת הארץ', דעמאלט 'הארץ' - דאס ארציות, 'תוהו ובהו' - איז ביי אים פוסט און וויסט און טראגט נישט קיין שום חשיבות אין זיינע אויגן.

**דרש'ענען נאר אזוי ווי חז"ל האבן גע'דרש'נט**

**אין** ספר מזקנים אתבונן ברענגט ער אראפ א זיסן געדאנק בשם הרה"ק מקאברין זי"ע אויפ'ן פסוק 'בראשית ברא אלקים' וגו', וואו רש"י איז מפרש: 'אין המקרא הזה אומר אלא דרשוני כמו שדרשוהו חז"ל', און ער זאגט אז רש"י וויל זאגן, אז דער פסוק אליין בעט זיך, אז מען זאל נישט מאכן פון אים קיין אייגענע פשעטלעך, 'נאר דרש'נט מיר אזוי ווי חז"ל האבן מיר גע'דרש'נט'.

**די גאנצע תורה איז מרומז אין דעם ווארט בראשית**

**אין** ספר אלף כתב (עמוד נ"א אות קל"ב) ברענגט ער א מעשה ווי פאלגנד: דער ווילנער גאון זי"ע, אין דער תקופה וואס ער איז געגאנגען גלות-ליידן, איז ער אמאל אנגעקומען אין דער שטאט בערלין, און אזוי ווי ער פלעגט אלץ האבן מיט זיך נאטיצביכער און פאפירן וואו ער פלעגט ארייננשרייבן זיינע חידושי תורה, איז אים איין טאג, זייענדיג ביי איינעם אינדערהיים אין בערלין, אראפגעפאלן אויף דער ערד איין פאפיר מיט חידושי תורה, און דער בעל-הבית האט עס אויפגעהויבן.

**דער** בעל-הבית האט ארייגעקוקט דערין און געזען אז דער גאון האט געשריבן דארט, אז גאנץ ש"ס, בבלי מיט ירושלמי, תוספתא, מכילתא מיט די מדרשים, אלעס איז מרומז אין תורה שבכתב, און גאנץ תורה שבכתב איז מרומז אין ספר בראשית, און גאנץ ספר בראשית איז מרומז אין פרשת בראשית, און גאנץ פרשת בראשית איז מרומז אין דעם ווארט בראשית.

**איז** דער בעל-הבית צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט: עס איז מיר נארוואס געבוירן געווארן א בן בכור און אט גרייט איך מיך צו מאכן א פדיון הבן, זאל מיר דער רבי אפשר אנצייגן וואו איז די מצוה מרומז אין דעם ווארט 'בראשית', האט אים דער ווילנער גאון געענטפערט אויפ'ן פלאץ:

'בראשית' איז ראשי תיבות: ב'נך ר'אשון א'חר ש'לשים י'ום ת'פדה.

### עצבות איז גורם צו אלע עבירות

אין ספר דברי בינה (פרשת צו) ברענגט ער א שיינעם רמז אינעם ווארט 'בראשית' איבער דעם חיוב פון דינען דעם אויבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב, און דאס זענען זיינע הייליגע רייד: עס שטייט (תהלים ק, ב) "עבדו את ה' בשמחה", אז א מענטש דארף שטענדיג זען צו זיין פרייליך.

און ער ברענגט אראפ וואס ער האט געהערט פון זיין טאטן הרה"ק ר' נתן דוד משידלאווצא זי"ע אויף דעם אויבנדערמאנטן פסוק 'עבדו' את ה' 'בשמחה', אז דער פסוק מיינט צו זאגן, אז דאס עצם זיין בשמחה, דאס אליין פאר זיך איז אן עבודה.

און דער דברי בינה איז מיט דעם ממשיך, אז די ערשטע עבודה פון א מענטש דארף זיין, אז ער זאל זיין פרייליך אן קיין עצבות, ווייל 'אין האדם חוטא אלא א"כ נכנס בו רוח שטות' (סוטה דף ג.), און ווי באקאנט איז דער רוח שטות וואס קומט אריין אין א מענטש א דירעקטער רעזולטאט פון עצבות, אזוי ווי מיר זעען בחוש אז אלע משוגעים ר"ל, ליידן קודם פון עצבות און מרה שחורה. קומט אוים אויב אזוי, אז עצבות איז א התחלה און א גורם צו אלע עבירות ר"ל.

און דאס איז אונז דוד המלך מרמז אינעם פסוק (תהלים טז, ד) "ירבו עצבותם אחר מהרו"; טאמער א מענטש איז בעצבות ר"ל, דעמאלט 'אחר מהרו' - לויפט ער דינען אן א-ל אחר - א פרעמדער אפגאט ח"ו, וואס איז כולל אין זיך אלע שלעכטע מידות. 'לא יהיה בך א-ל זר", וואס רוט אינעם מענטש אליין. און אלעם קומט צוליב עצבות וואס ער האט פארדעם געהאט. פארקערט איז אבער מידת השמחה, וואס איז דער שפיץ און דער אנהייב פון עבודת השי"ת.

און דעריבער האט אונז דוד המלך אנגעזאגט "עבדו את ה' בשמחה", מיינענדיג מרמז צו זיין: אויב ווילסטו דינען דעם אויבערשטן, דאן 'בשמחה' - דארפסטו זען זיך שטענדיג מחזק צו זיין און זיין בשמחה.

און דאס ליגט אויך מרומז אינעם פסוק (תהלים קה, ג) "ישמח לב מבקשי ה'"; נעמליך, אויב קומסטו זוכן דעם אויבערשטן, דארפסטו קודם זען צו זיין בשמחה און נישט בעצבות ח"ו.

און אזוי ווי עס איז דאך נישטא קיין זאך וואס שטייט אין נביאים-כתובים און ווערט נישט מרומז אין דער תורה ווי חז"ל זאגן שוין (תענית דף ט.) 'מי איכא מידי דלא רמיזי באורייתא', ווערט עס טאקע יא מרומז אין דער תורה, ווייל די תורה פאנגט זיך אן מיט דעםווארט 'בראשית', און בראשי"ת אויף צוריקצוואוועגס איז ראשי תיבות: ת'מיד י'היה ש'מח א'ם ר'וצה ב'בוראו.

### דער עיקר ברכה איז די אמונה אינעם אויבערשטן

אין ספר עירין קדישין (תליתאה) ווערט געברענגט, אז דער הייליגער רוזשינער זי"ע האט איינמאל נאך די הקפות פון שמחת תורה ביינאכט געזאגט: "כלל ישראל טוט זיך פרייען מיט דער תורה הקדושה, און די תורה הקדושה טוט זיך פרייען מיט דעם וואס כלל ישראל האבן מקיים געווען די מצוות פון ראש השנה, יום כיפור און סוכות".

און מיט דעם האט ער צוגעלייגט מקשר צו זיין סוף התורה לתחילתה: "וזאת הברכה אשר ברך משה"; און וואס איז דער עיקר ברכה? מען זאל אנערקענען און גלייבן אז "בראשית ברא אלקים" - אז דער אויבערשטער איז דער וואס האט באשאפן און פירט די וועלט.

און ער האט צוגעלייגט נאך אן אופן: "וזאת הברכה" - דער עיקר ברכה איז, "בראשית ברא אלקים" - אז יעדער מענטש זאל

וויסן ביי זיך אז ער האט נאך גארנישט אויפגעטון מיט זיין עבודה, און ער האלט נאך ביים אנהייב.

און ער האט אויסגעפירט זאגנדיג: משה רבינו ע"ה האט זיך אויסגעבעטן ביים אויבערשטן אז איר זאלט האבן השראת השכינה במעשה ידיכם. און דאס איז דער טייטש פון "וזאת הברכה". 'זאת' איז מרמז אויף דער שכינה (זוהר חלק ג' לא, א), בזא"ת יבא אהרן אל הקודש. דאס מיינט 'וזאת הברכה'.

## וְאֵד יַעֲלֶה מִן הָאָרֶץ וְהִשְׁקָה אֶת כָּל וגו' הָאֲדָמָה (ב, ו).

### א שברון לב צוליב דער ארציות

אין ספר דגל מחנה יהודה ברענגט ער א הפלא'דיגע מעשה ווי פאלגנד: איינמאל איז געקומען צו פארן אויף שבת בראשית צו הרה"ק ר' אברהם מסטרעטין זי"ע א איד פון שטאט בויבעריק, ער האט געהייסן ר' אפרים זלמן ציצית-מאכער. און ווען מען האט געהאלטן צווישן קריאת התורה און תפילת מוסף, האט ער געשפירט א שוואכקייט אויפ'ן הארץ, און ער איז געגאנגען דאווענען מוסף ביחידות, און דערנאך צוריקגעגאנגען צו זיין אכסניא, געמאכט קידוש, געגעסן די סעודה און זיך אביסל צוגעלייגט זיך אפצורוען. ווען ער איז צוריק געקומען צו די כוחות איז ער צוריקגעגאנגען אין שול, און איז אנגעקומען ווען דער רבי האט שוין געהאלטן אינמיטן טיש.

ווען דער איד האט געעפנט די טיר און געזען ווי דער רבי זיצט שוין ביים טיש ארומגענומען מיט די חסידים, האט ער געכאפט אזא הרהור תשובה באגלייט מיט חרטה געפילן איבער דעם וואס ער איז געווען גרייט מוותר צו זיין אויף דער תפילת מוסף און 'כתר'

פון זיין הייליגן רבי'ן וואס האט געקענט שפאלטן הימלען מיט זיין כח התפילה, און אנשטאט דעם געגאנגען קידוש מאכן און עסן א סעודה. ער האט זייער חרטה געהאט דערויף, און עס האט אים צעבראכן אויף שברי שברים. און אזוי זייענדיג פארטיפט אין זיינע מחשבות, איז ער צוגעקומען צום הייליגן טיש.

דער סטרעטינער זי"ע האט מרגיש געווען זיינע מחשבות און זיין צעבראכן הארץ, האט ער זיך אנגערופן און געזאגט: עס שטייט "ואד יעלה מן הארץ והשקה את כל פני האדמה" - די כוונה איז אזוי; 'ואד' איז א לשון פון צעבראכנקייט. און דער פסוק וויל זאגן, טאמער איז א מענטש צעבראכן ביי זיך, 'מן הארץ', דאס מיינט מען פון זיין ארציות, דאן האט דער מענטש מיט זיין שברון לב א כח 'והשקה את כל פני האדמה' - צו ברענגען השפעות טובות און ישועות אויף דער גאנצער וועלט.

## וַתֵּרֶא הָאִשָּׁה כִּי טוֹב הָעֵץ לְמַאֲכָל וגו' וַתִּקַּח מִפִּרְיוֹ וַתֹּאכַל וַתִּתֵּן גַּם לְאִישָׁהּ עִמָּהּ וַיֹּאכַל (ג, ו).

### דער שורש פון אלע צרות

אין ספר מזקנים אתבונן ווערט פארציילט אויף הרה"ק דער בית אברהם פון סלאנים זי"ע, אז ער פלעגט זייער ווייניג עסן און טרינקען, און די רביצין ע"ה, וואס האט זיך זייער געזארגט פאר זיין געזונט, האט זיך כסדר געבעטן ביי אים אז ער זאל עסן נאך און נאך, און ער האט איר אלץ אפגעזאגט מיט כל מיני תירוצים פארוואס ער קען נישט עסן. איז געווען איינמאל ווען זי האט אים אומאויפהערליך געמוטשעט צו עסן און ער האט איר געוואלט אפזאגן, האט ער זיך געגעבן א רוף אן צו איר:

"דער שורש פון אלע צרות וואס זענען אראפגעקומען אויף דער וועלט, איז נאר צוליב דעם וואס חוה האט געוואלט אז איר מאן, אדם הראשון, זאל עסן!"

## וַיִּקְרָא ה' וגו' אֶל הָאָדָם וַיֹּאמֶר לוֹ אַיֶּכָּה (ג, ט).

**א מענטש דארף זיך אליין פרעגן: 'וואו ביסטו'**

**הרה"ק דער בעל דברי שמואל פון סלאנים זי"ע האט פארציילט** (עס ווערט געברענגט אין דברי שמואל) **אז אמאל איז א חסיד געשטאנען אויף דער בריק אין דער שטאט ווארשא, און זעענדיג דאס געלויף פון מענטשן וואו יעדער לויפט זיך זיין וועג צו ערלעדיגן זיינע געשעפטן, האט ער זיך צעשריגן און געזאגט: "רבונו של עולם! וואו זענט איר, און וואו בין איך ...!"**

**ענליך צו דעם האט דער אויבערשטער געזאגט פאר אדם הראשון - 'אַיֶּכָּה', ווי צו זאגן, קוק וואו דו ביסט געווען פאר'ן חטא! ווייל פאר'ן חטא איז דאך אדם הראשון געווען אויף גאר א הויכער מדריגה, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אז דער פערשט פון אדם הראשון האט טונקעלער געמאכט דעם גלגל החמה** (ויקרא רבה כ, ב)**; און ווי אויך האט ער משמש געווען בבית ועליה** (זע בראשית רבה כא)**, וויבאלד ער איז געווען אויף א העכערער מדריגה ווי די מלאכים - און קוק וואו דו ביסט יעצט, קוק וויפיל דו ביסט געפאלן...!**

**און יעצט שטייענדיג אום שבת 'בראשית' דארף זיך יעדער איד אויך פרעגן פאר זיך אליין: אַיֶּכָּה?!... עס איז נארוואס אריבער א חודש תשרי, א ראש השנה, אן עשי"ת, א יוה"כ, א סוכות, א שמיני עצרת און א שמחת תורה, א צייט וואס יעדער איינער האט געשפירט א התעוררות הלב און**

א דערהויבנקייט - אַיֶּכָּה?! וויאזוי האסטו אזוי שנעל פארגעסן פון אלעם, און זיך צוריקגעקערט צום אלטן, כאילו לא היה...

## וַיֵּצֵא קַיִן מִלִּפְנֵי ה' וַיֵּשֶׁב בְּאֶרֶץ נוֹד וגו' (ד, טז).

### שבת איז מכפר אלע עבירות

עס ווערט געברענגט אין מדרש (ב"ר כב, א) אויפ'ן פסוק 'ויצא קין' וגו', אז ארויסגייענדיג האט אדם הראשון באגעגנט קין און אים געפרעגט 'מה נעשה בדינך' - וואס איז געווען דיין פסק-דין? האט ער אים געענטפערט, 'עשיתי תשובה ונתפשרתי' - איך האב תשובה געטון און איך האב מיך אויסגעגליכן. און ווי נאר אדם הראשון האט דאס געהערט האט ער געזאגט 'כך היא כוחה של תשובה' וכו', און ער האט זיך געשטעלט זאגן 'מזמור שיר ליום השבת' וגו'. דארף מען לכאורה פארשטיין וואס פאר א שייכות האט דער ענין פון שבת צום ענין פון תשובה.

אין ספר תפארת שמואל (אות ה) איז ער עס מבאר און ער ברענגט צוערשט דעם מאמר חז"ל (שבת דף קיח:) 'כל השומר שבת כהלכתה אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו', אויף וואס דער טו"ז (סימן רמ"ב) פרעגט א קשיא: ממה נפשך, אויב האט ער תשובה געטון, דעמאלט אפילו אן דעם זכות פון שמירת שבת דארף מען אים מוחל זיין; און אויב האט ער נישט תשובה געטון, פארוואס איז מען אים מוחל? און ער ענטפערט, אז דער זכות פון שמירת שבת העלפט צו מכפר זיין אפילו אויף אזעלכע עבירות וואס העלפן נישט קיין תשובה. און כאטש וואס מיר ווייסן אז אין דבר עומד בפני התשובה, זענען דאך פארהאן פארשידענע הארבע

עבירות אויף וואס עס פאדערט זיך אן עקסטערע תשובה, און דער זכות פון שמירת שבת העלפט צו אז די תשובה זאל נתקבל ווערן לרצון.

און דער טעם דערפון איז, וויבאלד 'שבת שקולה כאילו קיים ושמר כל התורה' (שמו"ר פרשת בשלח), ממילא איז מען אים מוחל אלע עבירות, ווייל דורך שמירת שבת פאלן אלע שלעכטס און עובדין דחול אויטאמאטיש אוועק, ווייל שבת קודש גייט די נפש ארויף אויף אזא הויכן פלאץ וואו טומאה און די סטרא אחרא קענען נישט דערגרייכן.

און דאס איז וואס דער אריז"ל שרייבט אז ביי קריאת שמע ווען מען זאגט די ווערטער 'ועשיתם את כל מצותי' זאל מען מכוון זיין אז מען איז מקבל אויף זיך די מצוה פון 'זכור את יום השבת לקדשו', ווייל שבת איז שקול נגד כל המצוות, און דורכ'ן היטן שבת איז א מענטש זוכה צו א געוואלדיגע דביקות הנפש.

און דאס איז פשט אין מדרש; ווען קין האט געזאגט 'עשיתי תשובה והשלכתי השאור והפסולת מעלי', האט אדם הראשון גראד פארשטאנען אז דאס קען נישט זיין נאר מיט דער הילף פון שמירת שבת. און ער האט דורכדעם פארשטאנען די גרויסקייט פון קדושת שבת און דעם כח פון זינגען פאר'ן אויבערשטן, האט ער דעריבער גלייך געזאגט 'מזמור שיר ליום השבת', אז מיט'ן כח פון זינגען און מיט'ן כח פון שבת קודש וועט דער אויבערשטער אויסריינינגן אונזער הארץ, אז מיר זאלן אים דינען באמת.

### שבת נאך יו"ט...

הרה"ק דער בעל דברי שמואל פון סלאנים זי"ע האט נאכגעזאגט בשם הרה"ק ר' משה דוד'ל טשארטקובער זי"ע אז שבת נאך יו"ט ווערט גערופן 'שבת נאך יום טוב', און דער פשט איז, 'עס איז נאך יום טוב'... (דהיינו אז שבת נאך יום טוב איז נאך בבחינת יו"ט).

און דער דברי שמואל האט צוגעלייגט: ער האט עס געזאגט אויף דעם שבת נאך שבועות, אבער אוודאי און אוודאי שבת נאך שמחת תורה, וואס אלע זענען מודה שבשבת נתנה תורה (שבת פו:), און אלע גוטע השפעות וואס קומען אראפ אויף דער וועלט זענען נאר בזכות דער תורה און בזכות שבת.

לחמי
מרדכי
• מזון ישעי׳ •
לצדקת רבי מאיר בעל הנס
בנשיאות מורינו הרה״צ רבי מאיר איתמר רוזנבוים שליט״א בעל דרך אמונה

בס״ד

# אתה זקוק לישועה ?
# שידוכים? רפואות? פרנסה?

**האלמנות והיתומים בבית שמש הם התשובה לזה!**
**תשמח את לבבם של 720 נפשות של היתומים והאלמנות בעיר בית שמש**
**והקב״ה ישמח את שלך בכל מילי דמיטב**

# ארגון לחמי מרדכי

**שעומד תחת נשיאות הגה״צ רבי מאיר איתמר רוזנבוים שליט״א**

**שולחים מדי שבת בשבתו חבילות גדולות של בשר, ודגים, חלות,דיפס, מזונות, קוגלעך, ממתקים ומתנות עבור היתומים וכו׳ עד לפתח ביתם של**

# 720 נפשות של אלמנות ויתומים
# בעיר בית שמש

# זכות חבילה
# לאלמנה ויתומים לשבת
# $250

**24 שעות במתן בסתר האט ליין - 845-286-1007**

**או ע״י הקוויקפעי**
3875090@gmail.com

---

**או ע״י דאנירס פאונד OJC פלעטשער וכו׳ וכו׳**
LACHMEI MORDCHAI Tax I.D# 87-1279722

---

אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא